אויף תיכף ארויסצוגעבן: 4/22/2024 גאווערנער קעטי האקול

## גאווערנער האקול אנאנסירט היסטארישע אינוועסטירונגען אין ניו יארק סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025

*באלאנסירטע 237 ביליאן דאלארדיגע בודזשעט העכערט נישט אינקאָם טעקס אדער סטעיט-ברייטע ביזנעס טעקס*

*גאווערנער האט פארהאנדלט פאר היסטארישע האוזינג אפמאך צו פארגרעסערן צאל הייזער אויפן מארקעט און באשיצן טענאנטס*

*לאזט זיך אראפ אויף ארגאניזירטע ריטעיל געשעפט גניבות און העלפט ביזנעס אייגנטימער פארמערן סעקיוריטי*

*ברייטערט אויס סארטן פארברעכנס בארעכטיגט צו אנגעקלאגט ווערן אלס האסע פארברעכנס; 35 מיליאן דאלאר צו באשיצן געבעט הייזער*

*אינוועסטירט 35.5 ביליאן דאלאר אין מעדיקעיד צו שטיצן ניו יארק'ס העלט קעיר סיסטעם*

*550 מיליאן דאלאר יערליך צו שטיצן די טראנספארמאציע פון ניו יארק'ס 'סעיפטי נעט' שפיטעלער*

*פארמערט גייסטישע געזונטהייט קעיר סערוויסעס פאר יונגווארג און הילפס-מיטלען פאר ניו יארקער מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן*

*העכערט סקול עיד מיט 1.3 ביליאן דאלאר צו נאענט צו 36 ביליאן דאלאר און גייט "צוריק צו די יסודות" צו אויסלערנען די וויסנשאפט פון לייענען*

*שריט צו ברענגען אן ענדע צו פארשפרייטונג פון אומלעגאלע קאנאביס אפעראציעס*

*275 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן ניו יארק'ס Empire AI פאראיין*

*מער פון 8.7 ביליאן דאלאר פאר טראנספארטאציע סיסטעמען, 7.7 ביליאן דאלאר פאר קריטישע אינפראסטרוקטור, 100 מיליאן דאלאר צו אויספלאסטערן לעכער אין שאסיי*

*שריט צו אונטעריאגן אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע, איינפלאנצן 25 מיליאן ביימער און היטן אויף ריינע וואסער*

*שריט צו העלפן מיטגלידער פון יעדע קאמיוניטי וואקסן און בליהען, אריינרעכענענדיג 36 מיליאן דאלאר צו שטיצן אבארשען קעיר*

***55 מיליאָן דאלאר צו פאראויס שטופן ניו יארק סטעיט אלס פירערין אין מילכיגס אינדוסטריע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די היסטארישע אינוועסטירונגען וואס זענען אריינגערעכנט אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 וואס איז אריבערגעפירט געווארן דורך די לעגיסלאטור דעם סוף וואך. די 237 ביליאן דאלארדיגע בודזשעט מאכט רעקארד-הויכע אינוועסטירונגען אין די מענטשן פון ניו יארק אן העכערן אינקאָם טעקס. עס רעכנט אריין הונדערטע נייע איניציאטיוון וואס וועלן העלפן באקעמפן פארברעכן, פארערכטן אונזער גייסטישע געזונטהייט סיסטעם און בויען מער האוזינג כדי מענטשן זאלן זיך קענען ערלויבן צו וואוינען און בליהען אין ניו יארק.

"מיר פירן דורך א שכל'דיגע אגענדע וואס מאכט ניו יארק זיכערער און מער אפאָרדעבעל", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך האב פארשפראכן צו קעמפן פאר ניו יארקער און זיך ספראווען מיט די פראבלעמען וואס זענען ווי דערנער, און דאס איז גענוי וואס מיר האבן געטוהן."

**<u>א באלאנסירטע בודזשעט</u>**
גאווערנער האקול'ס בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 מאכט רעקארד-הויכע אינוועסטירונגען אין די מענטשן פון ניו יארק בשעת'ן היטן אויף פינאנציעלע פאראנטווארטליכקייט. די גאנצע סומע פון שפענדונגען איז 237 ביליאן דאלאר, א העכערונג פון איין פראצענט פון פאריגעס יאר. די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 העכערט נישט אינקאָם טעקס אדער סטעיט-ברייטע ביזנעס שטייערן, און עס זעצט פאר צו אריינלייגן געלט אין די סטעיט רעזערוון אויף די אנגענומענע סטאנדארט פון 15 פראצענט 'לכל צרה שלא תבוא'.

[היסטארישע האוזינג אפמאך]()
גאווערנער קעטי האקול האט פארהאנדלט א היסטארישע אפמאך אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס דורכן פארמערן די צאל הייזער אויפן האוזינג מארקעט, שטופן פאר אפארדעבליטי, פארשטערקערן שוץ מאסנאמען פאר ניו יארקע טענאנטס און היים אייגנטימער און באקעמפן נעגאטיווע נייגונגען און דיסקרימינאציע אין האוזינג.

גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע רעכנט אריין:

- א היסטארישע פלאן צו **בויען מער האוזינג אין ניו יארק סיטי**, אריינרעכנענדיג דאס אוועקשטעלן די נייע **485-x** שטייער אנרייץ צו בויען אפאָרדעבעל האוזינג; פארלענגערן די **421-a** שטייער אנרייץ פאר זעקס יאר פאר פראיעקטן וואס זענען שוין אינמיטן די ארבעט; טוישן די פארעלטערטע **געדיכטקייט מאקסימום פון 12 מאל געבויטע שטח** ווי שטח אויף וועלכע די געביידע שטייט; אוועקשטעלן אנרייץ מאסנאמען צו **טוישן אומבאנוצטע אפיס פלאץ** צו ווערן אפאָרדעבעל האוזינג.
- נייע איניציאטיוון צו **אונטערטרייבן די בויאונג פון האוזינג אריבער די סטעיט**, אריינרעכנענדיג א נייע **421-p** שטייער אנרייץ צו בויען האוזינג אינדרויסן פון NYC, פארלאנגען אז **650 מיליאן דאלאר** אין פינאנצירונג אויף וועלכע די סטעיט האט שיקול הדעת וויאזוי צו פארטיילן זאל גיין פאר "האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס" (Pro-Housing Communities), צוטיילן **500 מיליאן דאלאר** צו בויען ביז 15,000 נייע היימער אויף סטעיט לאנד און אנרייץ מאסנאמען צו בויען צוגעבויטע הייזקעלעך (Accessory Dwelling Unit, ADU).
- **היסטארישע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס** און היים אייגנטימער; מאסנאמען קעגן איבערגעטריבענע פרייזן פאר טענאנטס; שטערקערע שוץ מאסנאמען קעגן עוויקשענס (ארויסגעווארפן ווערן פונדערהיים); און נייע אינפארסירונג און פארמיידונג מאסנאמען צו באשיצן

היים אייגנטימער פון שטר קנין ('דיד') גניבות; און עס ווידערהאלט דעם געזעץ אז מענטשן וואס וואוינען אין א היים און לעגאלע רעכטן הייסן נישט טענאנטס.

- **מער פון 600 מיליאן דאלאר** אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג צו שטיצן האוזינג אריבער די סטעיט.
- **באקעמפן האוזינג דיסקרימינאציע** קעגן די וואס באקומען סעקשען 8 וואָוטשערס און אפאָרדעבעל האוזינג פּראָוויידערס.

## שאפן א זיכערערע ניו יארק

די בודזשעט מאכט גרויסארטיגע אינוועסטירונגען און רעפארמען צו פארשטערקערן פובליק זיכערהייט; זיך אראפלאזן אויף ארגאניזירטע ריטעיל געשעפט גניבות; באקעמפן די שטייגנדע כוואליע פון האסע פארברעכנס; פארמיידן גאן פארברעכן און אביוז אינדערהיים; און צוריקהאלטן געוועזענע ארעסטירטע מענטשן פון צוריקפאלן צו פארברעכן און זיי בעסער צוריק איינגלידערן אין די געזעלשאפט אריבער ניו יארק סטעיט.

די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 רעכנט אריין:

- **347 מיליאן דאלאר** צו פארזעצן ניו יארק'ס באמיאונגען צו רעדוצירן און פארמיידן גאן פארברעכן.
- **40.2 מיליאן דאלאר** זיך צו אראפלאזן אויף ריטעיל געשעפט גניבות דורכן אויסברייטערן אינפארסירונג און העכערן שטראפן פאר פארברעכער וואס פאלן איבער ריטעיל געשעפט ארבייטער און א **$3,000 טעקס קרעדיט** פאר ביזנעס אייגנטימער צו אינוועסטירן אין סעקיוריטי מאסנאמען.
- **35.8 מיליאן דאלאר** צו פארמיידן און אנקלאגן פארברעכנס פון אביוז אין די משפחה.
- **35 מיליאן דאלאר** צו באקעמפן די שטייגנדע כוואליע פון האסע דורכן אויסברייטערן די צאל פארברעכנס וואס קענען אנגעקלאגט ווערן ווי האסע פארברעכנס און אינוועסטירן 35 מיליאן דאלאר אין די 'פארזיכערן קאמיוניטיס קעגן האסע' (Securing Communities Against Hate) גרענט וואס באשיצט געבעט הייזער, רעליגיעזע סקולס און אנדערע פלעצער וואס זענען אין סכנה.
- **7.1 מיליאן דאלאר** צו פארמיידן געוועזענע פארברעכער פון צוריקפאלן צו פארברעכן און פארבעסערן זייער איינגלידערונג אין די ארבעטסקראפט דורכן צושטעלן מער אינטענסיווע אויפזיכט איבער מענטשן וואס זענען אויף פּעראָול; אויסברייטערן צייטווייליגע אריבערגאנג האוזינג געלעגנהייטן אויסברייטערן קאלעדזש פראגראמען צו אלע סטעיט טורמעס; און צושטעלן טראנספארטאציע פאר באזיכער פון און צו סטעיט טורמעס.

## פארבעסערן העלטקעיר פאר אלע ניו יארקער

גאווערנער האקול'ס בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 שטעלט צו רעקארד-הויכע פינאנצירונג צו האלטן ניו יארקער געזונט, בשעת'ן אויך אוועקשטעלן דעם מעדיקעיד פראגראם אויף שטאנדהאפטיגע לאנג-טערמיניגע פינאנציעלע פיס. א היסטארישע 37 ביליאן דאלארדיגע מעדיקעיד אינוועסטירונג זעצט פאר די סטעיט'ס פארפליכטונג צו שטיצן די העלט קעיר 'סעיפטי נעט' (געזונטהייט סערוויסעס פאר מענטשן אן גענוג אינשורענס) און טראנספארמירן די סיסטעם וויאזוי העלט קעיר ווערט צוגעשטעלט, בשעת'ן גלייכצייטיג מאכן אמביציעזע אינוועסטירונגען צו אויסברייטערן צוטריט צו סערוויסעס און שטיצן די ארבעטסקראפט. די בודזשעט רעכנט אריין שטיצע פאר די סטעיט'ס לעצטנס באשטעטיגטע 'מעדיקעיד 1115 וועיווער' אמענדמענט, אינוועסטירנדיג 7.5 ביליאן דאלאר אין פעדעראלע און סטעיט פינאנצירונג צו שטופן פאר געזונטהייט גערעכטיגקייט אריבער די סטעיט.

די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 שטופט אויך פאראויס די גאווערנער'ס פריאריטעט צו פארבעסערן העלט קעיר תוצאות פאר מוטערס און נייגעבוירענע בעיביס. ניו יארק וועט ווערן די ערשטע סטעיט אין דאס לאנד צו אויסברייטערן צוטריט צו קעיר בעפארן האבן א קינד פאר טראגעדיגע פרויען דורכן שענקען ביז 20 שעה פון אורלויב פאר בארעכטיגטע ארבעטארינס צו גיין צו אפוינטמענטס אן אראפנעמען פון די עקזיסטירנדע צוועלף וואכן פון באצאלטע פאמיליע אורלויב.

די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 רעכנט אויך אריין דייטליכע נייע געזעצן צו באשיצן ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט פון מעדיצינישע חובות קלאגעס דורכן פארבאטן שפיטעלער פון אנקלאגן פאציענטן וואס פארדינען ווייניגער פון 400 פראצענט פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל, אדער $120,000 פאר א פאמיליע פון פיר נפשות. די ביל וועט אויך אויסברייטערן שפיטאל פינאנציעלע הילף פראגראמען פאר ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט, באגרעניצן די סומע פון חודש'ליכע באצאלונגען און אינטערעסט איינגעמאנט פאר מעדיצינישע חובות, און אזוי אויך וועט די ביל איינפירן אנדערע שוץ מאסנאמען צו פארבעסערן צוטריט צו פינאנציעלע הילף און פארגרינגערן די שעדליכע ווירקונגען פון מעדיצינישע חובות אויף ניו יארקער.

די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 שטופט פאראויס קריטישע העלט קעיר פריאריטעטן אריינרעכענענדיג:

- **3.2 ביליאן דאלאר** צו שטיצן שפיטעלער אין אנגעשטרענגטע מצבים אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג 550 מיליאן דאלאר יערליך צו שטיצן די טראנספארמאציע פון ניו יארק'ס 'סעיפטי נעט' שפיטעלער דורך א 'מעדיקעיד גלאבאלע בודזשעט' (Medicaid Global Budget) אינציאטיוו געשטיצט דורך די 1115 'וועיווער'.
- **825 מיליאן דאלאר** אין צייטווייליגע העכערונגען אין צוריקצאלונגען פאר שפיטעלער, נוירסינג היימער און וואוינונג געהילף פראגראמען, אין צוגאב צו באדייטנדע ראטע העכערונגען איבער די פאריגע צוויי בודזשעטס.
- **315 מיליאן דאלאר** צו צושטעלן העלט אינשורענס סאָבסידיס פאר מענטשן מיט נידעריגע ביז מיטלמעסיגע איינקונפט וואס זענען איינגעשריבן אין 'קוואַליפייד העלט אינשורענס פלענער'.
- **300 מיליאן דאלאר** און רעגולאטארישע בויגזאמקייט צו שטיצן א נייע העלטקעיר 'סעיפטי נעט' טראנספארמאציע פראגראם.
- **200 מיליאן דאלאר** אין איינגעשפארטע מעדיקעיד געלטער דורך פארבעסערטע אויפזיכט און ווירקזאמקייט אין דעם 'קאנסומער-אנגעפירטע פערזענליכע הילף פראגראם' (Consumer Directed Personal Assistance Program, CDPAP).
- **148 מיליאן דאלאר** צו העכערן ראטעס פאר פאמיליע מעדיצין וואס ווערט באקומען דורך ניו יארק'ס נייע סארט 'פאציענט-צענטרירטע מעדיצינישע היימער' (Patient-Centered Medical Homes) מאדעל.
- **116 מיליאן דאלאר** אין צוגאבליכע פינאנצירונג פאר פארשידענע פראגראמען פאר עלטערע מענטשן און פאר פובליק געזונטהייט, אריינרעכענענדיג 27 מיליאן דאלאר פאר DOH נערונג פראגראמען און 10 מיליאן דאלאר צוגעטיילט פאר SOFA צו פינאנצירן אומערפילטע באדערפענישן סערוויסעס.
- **19.5 מיליאן דאלאר** אין פינאנצירונג צו שטיצן א 5 פראצענטיגע ראטע העכערונג פאר סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט פנים אל פנים אונטער דעם פריע אינטערווענץ פראגראם (Early Intervention Program), און אזוי אויך א 4 פראצענטיגע ראטע ענדערונג פאר שטעטלישע געגנטער און קאמיוניטיס מיט ווייניגער סערוויסעס.
- די דורכגעפירטע בודזשעט אויטאריזירט פאר די סטעיט צו ארבעטן מיט די פעדעראלע רעגירונג צו אויפקומען מיט וועגן צו מאקסימיזירן העלט קעיר איינקונפטן וואס זענען דא צו באקומען צו

שטיצן דעם מעדיקעיד פראגראם, אריינרעכענענדיג א שטייער אויף **מענעדזשד קעיר ארגאניזאציעס**.

## [זיך ספראווען מיט דעם גייסטישע געזונטהייט קריזיס]()

פאר צו לאנג האט ניו יארק'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם געליטן פון לעכער אין קעיר. אין דעם זעלבן וועג האט די קאוויד-19 פאנדעמיע איבערגעלאזט א לאנג-אנגייענדע השפעה אויף פילע ניו יארקער, פארערגערנדיג גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן און ארויסהייבנדיג די נויט פאר פאסיגע שטאפלען פון קעיר אריבער די סטעיט.

כדי צו אדרעסירן די אומערפילטע גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן פון פילע ניו יארקער און ארויפבויען אויף גאווערנער האקול'ס 1 ביליאן דאלארדיגע גייסטישע געזונטהייט פלאן איבער עטליכע יאר, רעכנען די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 אינוועסטירונגען אריין:

- **84 מיליאן דאלאר** צו פארמערן צוריקצאלונג פאר סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט ביי געוויסע לאקאציעס וואס באהאנדלען גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען.
- **55 מיליאן דאלאר** צו אוועקשטעלן 200 נייע פסיכיאטרישע אפטיילונג בעטן אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג דריי 'אריבערגאנג אהיים' יוּניטס (Transition to Home Units, THU), יעדע איינס מיט 25 בעטן.
- **90 מיליאן דאלאר** אין אפיויד סעטלמענט געלטער צו פארזעצן צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד מיטן אויסטיילן די געלטער וואס ווערן ערהאלטן פון סעטלמענט אפמאכן מיט אפיויד מעניופעקטשורערס און מעדיצינען פירמעס.
- **33 מיליאן דאלאר** צו פארבעסערן די צוזאמענארבעט מיט מענטשן וואס לעבן מיט גייסטישע קראנקהייטן און זענען פארפלאנטערט מיט די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם.
- **20 מיליאן דאלאר** פאר סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניק אפטיילונגען, מאכנדיג דאס גרינגער פאר שילער און זייערע פאמיליעס צו צוקומען צו קלינישע סערוויסעס.
- **19 מיליאן דאלאר** צו צושטעלן קריטישע קעיר פאר יונגע מענטשן אינדרויסן פון די סקול, אריינרעכענענדיג פארמערן הילפס-מיטלען פאר יונגווארג וואס באקומען באהאנדלונג אין זייער קאמיוניטי און אין קעיר אנשטאלטן וואו די קינדער וואוינען.
- **2 מיליאן דאלאר** צו פארמערן גייסטישע געזונטהייט שטיצע פאר ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער, אריינרעכענענדיג זעלבסטמארד פארמיידונג באמיאונגען.

## [שטיצן שילער און סקולס]()

עס קומט זיך פאר אלע ניו יארקע שילער צו באקומען א חינוך און בילדונג פון א הויכע קוואליטעט, אנגעהויבן פון פרי-קינדערגארטן ביז נאך קאלעדזש. גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור האבן געגעבן פריאריטעט פאר סקול פינאנצירונג אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, בשעת'ן נאכאלץ ארויפלייגן ניו יארק סטעיט אויפן וועג צו א גערעכטערע וועג ('פארמולע') צו אויסרעכענען די סומע סקול פינאנצירונג. גאווערנער האקול האט אויך אונטערגעשריבן די ['צוריק צו די יסודות' (Back to Basics) ביל]() צו זיכער מאכן אז ניו יארקע סקולס באנוצן זיך מיט אויפגעוויזענע שיטות צו אויסלערנען צו לייענען. אין צוגאב האט גאווערנער האקול פארזיכערט סעיפים אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 צו מאכן קאלעדזש מער אפאָרדעבעל פאר ניו יארקע סטודענטן און אויסברייטערן די וועגן צו קענען אנקומען צו א העכערע בילדונג.

גאווערנער האקול'ס פריאריטעטן פאר עדזשוּקעישען פארזיכערט אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 רעכענען אויך אריין:

- **36 ביליאן דאלאר** אין סך הכל סקול עיד, אריינרעכענענדיג **24.9 ביליאן דאלאר** אין פֿאונדעישען עיד
- **1.29 ביליאן דאלאר** פאר אינפראסטרוקטור פראיעקטן פון SUNY און CUNY.
- **409 ביליאן דאלאר** פאר SUNY און CUNY אפעראציעס.
- **העכערן די מינימאלע געשאנקענע סומע** פאר דעם שכר לימוד הילף פראגראם (Tuition Assistance Program, TAP) פון $500 צו $1,000 און העכערן די מאקסימום וואס א סטודענט קען פארדינען און נאכאלץ זיין בארעכטיגט פאר TAP.
- א Rockefeller Institute **שטודיע צו איבערקוקן פֿאונדעישען עיד** און זיך גרייטן פאר ענדערונגען צו די פארמולע קומענדיגער יאר.
- א **פארלענגערונג פון דעם מעיאר'ס קאנטראל** פון ניו יארק סיטי סקולס פאר צוויי יאר.

## פארשליסן אומלעגאלע קאנאביס אפעראציעס און באשיצן די לעגאלע מארקעט

גאווערנער האקול האט פארשפראכן צו ברענגען אן ענדע צו די פארשפרייטונג פון אומלעגאלע קאנאביס אפעראציעס, און די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 רעכנט אריין רעפארמען וואס באפולמעכטיגן די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג (Office of Cannabis Management, OCM) און לאקאלע אויטאריטעטן צו טוהן גענוי דאס.

די ארומנעמיגע פלאן רעכנט אריין:

- אויטאריזירן די OCM און לאקאלע אויטאריטעטן צו **פיזיש פארשליסן געשעפטן** אויף א באלדיגן פארנעם נאכפאלגנדיג אן אינספעקציע, אויב זיי פארקויפן אומלעגאלע קאנאביס און שטעלן א באלדיגע געפאר צו געזונטהייט און זיכערהייט.
- **זיך נעמען צו לענדלארדס** וועלכע פארמאכן אן אויג אויף אומלעגאלע אקטיוויטעט אונטער זייער פארטוך.
- **אוועקשטעלן א סטעיט-ברייטע איינהייט** צו אויספירן ציווילע אינפארסירונג צו פארמאכן אומלעגאלע געשעפטן.
- **אויסברייטערן לאקאלע אויטאריטעט** צו ערלויבן סיטיס און קאונטיס צו אריבערפירן געזעצן אין פארבינדונג מיטן רעגולירן אומלייסענסירטע קאנאביס ביזנעסער.
- שענקען פאר ניו יארק סיטי **באלדיגע אינפארסירונג אויטאריטעט** צו אינספעקטירן, ארויסגעבן טיקעטס און קאנפיסקירן קאנאביס און פיזיש פארשליסן געשעפטן.

## היסטארישע אינוועסטירונגען צו טרייבן ערפינדונג אין ניו יארק סטעיט

גאווערנער האקול האט אויך פארזיכערט פינאנצירונג צו בויען אן עקאנאמיע פון די 21'סטע יאר הונדערט אין ניו יארק סטעיט און טרייבן ערפינדונג אין וויכטיגע, שנעל-וואקסנדע פעלדער. די בודזשעט מאכט אינוועסטירונגען צו פארשטערקערן ניו יארק'ס ביזנעס סעקטאר, עס גרייט אן ארבייטער פאר די דזשאבס און קאריערעס פון מארגן און שאפט לעבהאפטיגע קאמיוניטיס פול מיט עקאנאמישע לעבעדיגקייט, אריינרעכענענדיג:

- **500 מיליאן דאלאר** אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג פאר די Albany NanoTech Complex פון NY CREATES צו אנהויבן א 10 ביליאן דאלארדיגע שותפות צו ברענגען פארגעשריטענע טשיפס פארשונג קיין ניו יארק.
- א **275 מיליאן דאלארדיגע** אינוועסטירונג איבער 10 יאר צו שטיצן Empire AI, אן איינציגארטיגע פאראיין צו פארזיכערן ניו יארק'ס פלאץ אויף די סאמע פראנט פון 'ארטיפישעל אינטעלידזשענס' (artificial intelligence, AI) פארשונג.

- **200 מיליאן דאלאר** פאר פיר ON-RAMP ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צענטערן אין אפסטעיט ניו יארק צו טרענירן ארבייטער פאר דזשאבס פון די צוקונפט אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג און אנדערע וואקסנדע אינדוסטריעס.
- **100 מיליאן דאלאר** צו פינאנצירן נאך א רונדע פון די 'שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו' (Downtown Revitalization Initiative).
- **100 מיליאן דאלאר** צו פינאנצירן נאך א רונדע פון NY Forward (ניו יארק - אויף פאראויס).
- **100 מיליאן דאלאר** צו פינאנצירן נאך א רונדע פון FAST NY.
- **50 מיליאן דאלאר** צו פינאנצירן נאך א רונדע פון Restore NY (רעכט אויף ניו יארק).
- **80 מיליאן דאלאר** אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג פאר די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק (Council on the Arts) צו ניו יארק'ס קונסט און קולטור פעלד.
- **30 מיליאן דאלאר** אין שטייער פארלייכטערונג צו שטיצן צייטונג און ראדיא/טעלעוויזיע זשורנאליזם דזשאבס.

## [מאדערניזירן אינפראסטרוקטור און אינוועסטירן אין טראנספארטאציע אריבער גאנץ ניו יארק]

גאווערנער האקול האט געמאכט קריטישע אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור און טראנספארטאציע אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג אוועקשטעלן די רעקארד-הויכע 33 ביליאן דאלארדיגע פינף-יאריגע טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation, DOT) אינפראסטרוקטור פלאן און ראטעווען די MTA פון א פינאנציעלע לאך. אנגעהויבן פונעם פארבינדן קאמיוניטיס וואס זענען אפגעטיילט געווארן דורך הייוועיס ביזן איבערייטערן סאָבווע סערוויס און אנפילן לעכער אויף שאסייען אריבער די סטעיט, האבן די אינוועסטירונגען געמאכט ניו יארק מער פארבינדן, צוגענגליך און זיכערער פאר יעדן.

ארויפבויענדיג אויף די רעפוטאציע פון הצלחות, רעכנט די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 אריין:

- מער פון **8.7 ביליאן דאלאר** אין אפעראציע שטיצע פאר פובליק טראנספארטאציע אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג **884 מיליאן דאלאר** אין אפעראציע שטיצע פאר טראנספארטאציע סיסטעמען חוץ פון די MTA.
- כמעט **7.7 ביליאן דאלאר** פאר די דריטע יאר פון די רעקארד-הויכע **33 ביליאן דאלארדיגע** פינף-יאריגע אינפראסטרוקטור פלאן פון די DOT צו פארבעסערן הייוועיס, בריקן, רעלסן, לופט טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור, טראנספארטאציע חוץ פון די MTA און DOT איינריכטונגען, אריינרעכענענדיג **1.3 ביליאן דאלאר** פאר לאקאלע שאסייען און בריקן.
- דאס רעכנט אריין **598 מיליאן דאלאר** פאר דעם 'פאראייניגטע לאקאלע שאסיי און הייוועי פארבעסערונג פראגראם' ( Consolidated Local Street and Highway Improvement Program, CHIPS), **140 מיליאן דאלאר** פאר סטעיט טורינג רוטס און **100 מיליאן דאלאר** פאר גאווערנער האקול'ס 'אויספלאסטערן אונזערע שאסיי לעכער' ( Pave our Potholes) פראגראם.
- נייע אויטאריטעט צו גערעכטערהייט **אינפארסירן דאס זיך ארויסדרייען פון צאלן טאל און רייזע בילעטן** אריבער די סטעיט און פארמערטע שוץ מאסנאמען פאר לימאזין פאסאנזשירן.
- אריבערפירן **"סעמי'ס געזעץ" (Sammy's Law)**, ערמעגליכנדיג ניו יארק סיטי צו אראפנידערן זייער ספיד לימיט צו 20 מייל פער שעה.

## [באקעמפן קלימאט טויש און שטופן פאר שטאנדהאפטיגקייט]

די דורכגעפירטע בודזשעט רעכנט אריין שריט צו אונטעריאגן ניו יארק'ס אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע, איינפלאנצן 25 מיליאןביימער און היטן אויף ריינע וואסער. דער 'באנייבארע שריט דורך פראיעקט פארבינדונג און אנהויב פון באנוץ' ( Renewable Action through Project Interconnection and Deployment, RAPID) געזעץ וועט אוועקשטעלן איין פלאץ 'אונטער איין דאך' פאר די

ענווייראמענטאלע איבערבליק און פערמיט פראצעדור פון עלעקטריציטעט דראטן, און עס וועט פארבעסערן די פראצעדור פון פארבינדן נייע פראיעקטן צו די גריד.

ענווייראמענטאלע אינציאטיוון אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 רעכענען אריין:

- **500 מיליאן דאלאר** פאר ריינע וואסער און **400 מיליאן דאלאר** פאר די ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע (Environmental Protection Fund).
- **200 מיליאן דאלאר** פאר די אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג ( Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) און נאך **100 מיליאן דאלאר** אין פינאנצירונג פאר די פייערונג פון די ניו יארק סטעיט פארקס'ס הונדערטסטע יארטאג.
- **150 מיליאן דאלאר** אינוועסטירט אין NY SWIMS (ניו יארק שווימט) צו אדרעסירן די מאנגל פון אינוועסטירונג אין שווימען איינריכטונגען און לייפגאַרדס אין קאמיוניטיס וואס האבן נישט גענוג סערוויסעס.
- **40 מיליאן דאלאר** צו אוועקשטעלן דעם 'שטאנדהאפטיג און גרייט' (Resilient & Ready) פראגראם און **15 מיליאן דאלאר** צו אויסשטאטן לאקאלע אויטאריטעטן מיט כלים זיך צו באשיצן פון פארפלייצונגען און האלטן די לעקטער אנגעצינדן דורכאויס שטורעמעס.
- **15 מיליאן דאלאר** צו איינפלאנצן איבער 25 מיליאןביימער אריבער ניו יארק ביז 2033.

## העלפן מיטגלידער פון יעדע קאמיוניטי וואקסן און בליהען

גאווערנער קעטי האקול האט אנאנסירט א סעריע שריט צו העלפן ניו יארקער פון יעדע קאמיוניטי צו וואקסן און בליהען אלס טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025. די שריט רעכענען אריין דאס פארזיכערן פינאנצירונג צו אויסברייטערן צוטריט צו אבארשען, אנערקענען די באדערפענישן פון מיליטער וועטעראנען, שטיצן ארטיג-אפשטאמיגע שבטים און אינוועסטירן אין TGNCNB ניו יארקער.

שריט רעכענען אריין:

- אינוועסטירן 36 מיליאן דאלאר צו שטיצן אבארשען פראָוויידערס און אבארשען קעיר אין ניו יארק.
- אויסברייטערן צוטריט צו דולעס (הייבאמס).
- פארשטערקערן גייסטישע געזונטהייט קעיר און שטיצע סערוויסעס פאר וועטעראנען.
- אויסברייטערן צאן-דאקטאר קעיר צוטריט פאר ארטיג-אפשטאמיגע שבטים.
- פארמערן סטעיט אינוועסטירונג אין דעם לארענא באָרהאס קאסע וואס שטעלט צו הילפס-מיטלען און גלעגנהייטן פאר TGNCNB ניו יארקער.

## פארשטערקערן ניו יארק'ס אגריקולטור אינדוסטריע

אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, זענען אינוועסטירונגען אין ניו יארק סטעיט'ס אגריקולטור פריאריטעטן און פארמער ארויף מיט 60 פראצענט זינט 2022. די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 בויט ארויף אויף די גאווערנער'ס פארשריט דורכן:

- אינוועסטירן **55 מיליאן דאלאר** צו פאראויס שטופן ניו יארק סטעיט אלס פירערין אין די מילכיגס אינדוסטריע.
- צושטעלן **50 מיליאן דאלאר** פאר Nourish NY (ערנער ניו יארק) צו העלפן פאמיליעס צוקומען צו פרישע עסנווארג און שטיצן לאקאלע פארמער.
- שטיצן רעסטוראנטן און באַרס דורכן **פארלענגערן די פארקויף פון 'טו-גאָו' אלקאהאלישע געטראנקען צו געטרינקען ווערן אינדרויסן פון די פלאץ** פאר נאך פינף יאר.
- אינוועסטירן איבער **60 מיליאן דאלאר** אין לאקאלע הילף צו שטיצן פארמער און פראדוצירער.

- צושטעלן **19.5 מיליאן דאלאר** צו אויסברייטערן די ניו יארק סטעיט באשעפענישן געזונטהייט דיאגנאסטישע צענטער (Animal Heath Diagnostic Center) ביי קארנעל אוניווערסיטעט.
- צוטיילן איבער **15 מיליאן דאלאר** צו פארגרעסערן ניו יארק סטעיט'ס ביאלאגישע עקאנאמיע און שטיצן נאך אגריקולטורישע אינציאטיוון.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן